## ח'תנז

[ג' תמוז תשכ"ב]

. . . לכתבו ע"ד עירוב בעיר, כיון שהלכות רבות בזה — הרי מבלי השתתפות רב **בקי** בהל' אלו **ביחוד** אין לעשות בזה.

בנוגע לתקנות חברה קדישא וכו' — יפנה לחי"ק דאגודת חב"ד.

## ח'תנח

ב"ה, ד' תמוז, תשכ"ב
ברוקלין.

ליידיס אוקזילערי פון בית רבקה אין מאנטרעאל,
ה' עליהן תחיינה

ברכה ושלום!

איך בין געווען צופרידען צו באַקומען דעם בריף פון ראש חדש תמוז מיט דער בייגעלייגטער רשימה, די נעמען פון די אַלע באַטייליגטע שתליט"א, און ראשי פרקים פון דער אַרבעט לטובת בית רבקה.

און השי"ת זאָל העלפען אַז די אַרבעט אייערע זאָל ברייינגען די ריכטיגע פירות, און אַלס ערשטע ועיקר, אַז די תלמידות תי' זאָלען זיין ווי ערוואַרטעט פון יעדער אידישע טאָכטער, וואָס יעדערע פון זיין ווערט אָנגערופען בת שרה רבקה רחל ולאה,

דורכגענומען מיט חסידות'ישער לעבעדיקייט און ליכטיקייט אין זייער טאָג טעגליכען לעבען.

ואשרי חלקן פון די אַלע וועלכע העלפען אין דעם.

און השם יתברך זאָל זיי בענטשן און געבען דאָס אַלעס וואָס זיי נויטיגען זיך, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות,

---

**ח'תנז**

האגרת היא אל מוהפ"א שי' ווברמן, ונכתבה על גליון מכתבו מיום ה' לפ' קרח. אגרות נוספות אליו — לעיל ח'רצא, ובהנסמן בהערות שם.